**פיין וועלי ריהעב:**

**אַ שנעלער וועג צו זעלבסשטענדיקייט, אין אַ העפליכע, אַנגענעמע און כשר'ע סביבה**

ספרינג וואַלי – אין אַ שטיל רואיג אָרט, אַרומגענומען מיט ביימער, שיינע בלומען, גראָזן און אַ אויג-פאַרכאַפּנדע פּאָנאָראַמע, שטייט די הערליכע און אַנגענעמע פיין וועלי צענטער פאַר רעהעביליטאַציע. עס איז גענוג בלויז אַ קורצער באַזוך – צו וואָס יעדער איז העפליך געלאַדענט – צו אַנערקענען די אויסערגעווענליכע מעלות פון דעם צענטער פאַר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין רעהעביליטאַציע.

דער באַשלוס וואו זיך צו ווענדן פאַר ערהוילונג און רעהעביליטאַציע טעראַפּי קומט אָפּט אין גאָר אַ שווערע צייט. צומאָל פאַלט עס אויף אַ פאַמיליע ווען זיי האַלטן נאָך אינמיטן אָפּזיצן ביי זייער באַליבטן אין שפּיטאָל, וועלכער האָט זיך ב"ה נאָרוואָס אַרויסגעדרייט פון אַ מחלה, סטראָוק, האַרץ אַטאַקע, טראָומאַ פון אַן עקסידענט, אָדער ענליכעס. מען איז גליקליך אַז דער פּאַציענט האָט זיך ב"ה אַרויסגעדרייט פון זיין געזונטהייט קריזיס, און איצט דאַרף מען טראַכטן ווי אַזוי זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס און ווייטער צוריקגיין צום געהעריג לעבן.

ווען דער פּאַציענט איז נאָכנישט גרייט פולקאָם צוריק צו גיין צום טאָג טעגליכן סדר היום, אָבער ער איז שוין גרייט צו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, איז מען אָנגעוויזן אויף אַן אָרט וואו זיך צו ערהוילן, בעת מ'זאָל דאָרט באַדינט ווערן מיט אַלע געברויכן וואָס מ'קען נישט אַליין דורכפירן.

אַנדערע זוכן רעהעביליטאַציע נאָכן דורכגיין אַ מעדיצינישע פּראָצעדור וואָס פאַרלאַנגט זיי זאָלן זיך אויסרוען פאַר אַ ווייַלע, און דורכגיין טעראַפּיס צוריקצוקומען צו די כוחות און צוריק ווערן זעלבסטשטענדיג און נישט זיין אָנגעוויזן אויף הילף פון אַנדערע. דאָס קען זיין נאָכן דורכגיין אַ היפּ אָפּעראַציע, אַ היפּ אָדער קני רעפּלעיסמענט, אַן אָפּען האַרץ אָפּעראַציע, און ענליכעס.

פיין וועלי – אַ רעהעביליטאַציע צענטער צופיסנס פון שיכון סקווירא – איז דער פּאַסיגסטער אָרט פאַר היימישע פּאַציענטן וואו צו געניסן פון אַ גיכע ערהוילונג אין אַ געטרייע, העפליכע

אַטמאָספערע, וואו אַלעס ווערט צוגעשטעלט בתכלית הכשרות און מיט ספּעציעלע איבערגעגעבנקייט און סענסיטיוויטעט פאַר היימישע פּאַציענטן.

שוין אָפּגערעדט אַז די טעראַפּיס אַליין ווערן צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן. די טעראַפּיסטן זענען גאָר געלערנט – קומענדיג פון די בעסטע ריהעב שולעס און שפּיטעלער - ספּעציעל איבערגעגעבן, געטריי, און העפליך. זיי נוצן די בעסטע געצייגן און מערסט סאָפיסטיקירטע מעטאָדן וועלכע זענען נאָר פאַראַן. זיי לייגן אַריין קאָפּ און מח ווי אַזוי צו צושטעלן די בעסטע טעראַפּי פאַר יעדן פּאַציענט'ס פּערזענליכער מצב. מיט זייער פריינטליכן, געדולדיגן צוגאַנג געווינען זיי די מיט-אַרבעט פון די קליענטן, וואָס העלפט זיי זיך שנעלער און לייכטער צו ערהוילן.

די טעראַפּיס ווערן צוגעשטעלט במשך יעדן טאָג אין די וואָך. שטודיעס צייגן אַז טעראַפּיס במשך די גאַנצע וואָך פאַרקורצערט און פאַרבעסערט שטאַרק די ערהוילונג, און די מעגליכקייטן צו ווערן זעלבסט-שטענדיג און נישט דאַרפן באַדינט ווערן דורך אַנדערע. אויך קענען די טעראַפּי סעסיעס צוטיילט ווערן צו עטליכע קורצע סעסיעס טעגליך, וואָס העלפט די קליענטן זיי זאָלן עס קענען מיטהאַלטן, זינט אין אַסאַך פעלער איז שווער מיטצוהאַלטן לאַנגע טעראַפּי סעסיעס.

עס איז גענוג בלויז צו כאַפּן אַ שפּאַציר אין פיין וועלי, צו באַמערקן די ציכטיקייט און הערליכקייט פון די בילדינג, און זיך צו באַגעגענען מיט די צופרידענע געזיכטן פון די פּאַציענטן, וואָס שפּיגלט אָפּ ווי ווייט פיין וועלי שטעלט צופרידן די איינוואוינער און מאַכט זיכער אַז זיי זענען באַקוועם און זענען גרייט אַהיימצוגיין וואָס פריער.

אַן אַנגענעמע סביבה בעת מען ערהוילט זיך און רעהאַביליטירט זיך פון אַ קרענק אָדער אָפּעראַציע – אין צוגאָב צו די באַקוועמליכקייט דערפון אַז מ'ווערט גוט באַהאַנדעלט – קען שפּילן אַן ערנסטע ראָלע אין צוריקקומען צו די כוחות, אָפּשלאָגן מעגליכע קאָמפּליקאַציעס וואָס מאַכט זיך אָפטער ביי שוואַכע מענטשן, און עס גיסט אַריין אין די באַטרעפנדע אַ פלייס, מוט און אינטערעסע, מיטצוהאַלטן די אָפּט אויסמוטשנדע טעראַפּיס, כדי וואָס שנעלער זיך צוריק צו קערן אַהיים און זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס. די ווירקונגען זענען סיי פּסיכאָלאָגיש, ווי אויך פיזיש,

זינט שטודיעס ציייגן אַז מענטשן וועלכע זענען רואיג האָבן העכערע אימוגלאָובין עי. אימיון שטאַפּלען – וועלכע העלפן אָפּקעמפן קרענק - ווי מענטשן וועלכע זענען אומצופרידן און אָנגעצויגן.

די רואיגקייט און אויפגעלייגטקייט פון די פּאַציענטן אין "פיין וועלי" זענען צו פאַרדאַנקן אַ רייע סיבות – בעסער געזאָגט אַלע סיבות וואָס עס איז נאָר שייך. אין "פיין וועלי" לייגט מען אַריין קאָפּ אין מח אַז עס זאָל אַלעס קלאַפּן אַמבעסטן לטובת די געזונטהייט, זיכערקייט, באַקוועמליכקייט, און גיכע, פולקאָמע ערהוילונג פון די פּאַציענטן.

"ער שטעלט שטענדיג פּאַציענטן בעפאָר זיינע פינאַנציעלע אינטערעסן," זאָגט די מעדיקעל דירעקטאָרין וועגן דעם היימישן בעל הבית ר' אפרים שטייף. דאָס זעלבע הערט מען פון אַלע איינגעשטעלטע, אַז ווען מען נויטיגט זיך אין עפּעס לטובת אַן איינוואוינער, וועט מען קיינמאָל נישט הערן "ניין!" צי עס איז אַ ספּעציעלע בעט, אַ מאַטראַץ וואָס איז ספּעציעל געאייגנט פאַרן באַטרעפנדן'ס האַקעלע ביינער, אָדער ספּעציעלע עסן וואָס מ'דאַרף באַשטעלן פאַר אַ פּאַציענט וואָס איז נישט געוואוינט צו די מעניו וואָס מ'קאָכט דאָרט.

די סאָשעל סערוויסעס דעפּאַרטמענט באַשעפטיגט עטליכע מיטגלידער וועלכע געבן זיך אָפּ צו פאַרזיכערן אַז די פּאַציענטן זענען באַקוועם, און האָבן וואָס זיי נויטיגן זיך. ווען אַ נייער פּאַציענט קומט אַריין, וועט די דירעקטאָרין פון די סאָשעל סערוויסעס, מרס. קריסטאַל – וועלכע איז שוין דאָרט איינגעשטעלט צוואָנציג יאָר, און זי רעדט מיט געוואַלדיגע שעצונג פון די פירערשאַפט, איבער זייער העפליכקייט און געטריישאַפט פאַר די קליענטן – זיך טרעפן מיט דעם פּאַציענט און/אָדער די פאַמיליע מיטגלידער, איבערצושמועסן די געוואוינהייטן פונעם פּאַציענט, און וואָס עס דאַרף ווערן צוגעשטעלט כדי צו מאַכן די אויפהאַלטונג דאָרט באַקוועם.

דאָס זעלבע וועט די סאָשעל סערוויסעס אָפּטיילונג במשך די גאַנצע וויילונג מיטהאַלטן דעם פּאַציענט'ס געברויכן. זיי וועלן רעדן צו די קליענטן ווי אָפט עס פעלט אויס, צו פאַרזיכערן אַז

אַלעס איז אין בעסטן אָרדענונג. מען וועט זיכער מאַכן אַז זיי זענען צופרידן פון זייער צימער, עסן, באַדינונגען. אַז נישט, וועט מען זען וואָס מען דאַרף פאַרבעסערן אָדער טוישן.

חרדי'שע אידן וועלכע ווילן אין דעם צענטער קענען דאָרט זיין רואיג אַז די עסן וואָס מ'סערווירט זיי איז כשר למהדרין מן המהדרין. אויסער דאָס עסן, איז דאָרט דאָ אַ ביקור חולים שטיבל און אַ שבת שטוב, ווי קינדער, קרובים און באַזוכער טרעפן צו עסן בעת'ן ווילן אינאיינעם מיט זייערע נאָנטע, ווי אויך קענען זיי דאָרט ווילן במשך שבתים וימים טובים. די באַזוכער קענען מיטעסן מיט זייערע קרובים די טעגליכע סערווירטע מאָלצייטן.

ביזנעס לייט וועלכע זענען דאָרט זיך צו רעהעבאַליטירן דרוקן אויס געוואַלדיגע הנאה פון דעם ביזנעס צענטער, וואו עס איז צוגעשטעלט אַלע אָפיס געברויכן, ווי טעלעפאָנען, פעקס מאַשינען, קאָמפיוטערס וכדו', כדי זיי זאָלן נישט זיין אָפגעהאַקט פון די וועלט און זייערע געשעפטן, נאָר זאָלן עס ווייטער קענען פירן אומגעשטערט.

פיין וועלי געפינט זיך האַרט נעבן ניו סקווירא, וואָס ערמעגליכט פאַר באַזוכער פון די שטאָט און פון די אומגעגנט לייכט אָנצוקומען אַהין, מיט די רעגלמעסיגע עפנטליכע טראַנספּאָרטאַציע צו שיכון סקווירא, מיט די "מאָנסי טרעילס באָסעס" וועלכע שטעלן זיך אָפּ ממש ביים ריהעב צענטער. אויך זענען די פּאַציענטן און זייערע באַזוכער נאָנט צו היימישע געשעפטן.

די וואָס האָבן שוין גענאָסן פון דעם צענטער, זענען טיף באַאיינדרוקט ווי ווייט די היימישע פירער, דער אייגנטומער ר' אפרים שטייף און דער אַדמיניסטראַטאָר ר' אלי' טראָפּער, זענען פערזענליך אין קאָנטאַקט מיט די קליענטן און זייערע פאַמיליע מיטגלידער. זייער טיר איז שטענדיג אָפען, און זיי זענען גרייט אויסצוהערן די געברויכן און מיינונג פון די קליענטן, און פּרובירן זיי צופרידן צו שטעלן על צד היותר טוב. זיי גייען אויך פערזענליך שמועסן מיט די קליענטן און זיכער מאַכן אַז זיי געפינען זיך באַקוועם, ערהאַלטן די בעסטע סערוויסעס, און שפּירן זיך פונקט ווי אינדערהיים. זייער פערזענליכע געטריישאַפט ווערט באַוואונדערט און אַרויסגעהויבן דורך די קליענטן, און עס

פאַרזיכערט אַז יעדער געניסט פון די העפּליכסטע און בעסטע באַדינונגען און סערוויסעס וואָס עס איז נאָר שייך.

נישט קיין וואונדער אַז די וואָס באַקענען זיך מיט פיין וועלי, ווילן נישט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש. זיי ווייסן צו שעצן די סערוויסעס פון "פיין וועלי", און רעקאָמענדירן יעדן וואָס נויטיגט זיך אין די סערוויסעס נאָר צו נוצן "פיין וועלי", וואו מ'געניסט פון די באַקוועמסטע, געטרייעסטע און העפּליכסטע סערוויסעס, וואָס שפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין צואיילן די ערהוילונג און וואָס שנעלער זיך אַהיימקערן, און זיך צוריקצושטעלן אויף די אייגענע פיס און קיינמאָל נישט זיין אָנגעוויזן אין די הילף פון אַנדערע.